יצחק באַשעוויס*

# דער מערדער

## (סקיצע)

אַלע האָבן אים געקאָנט ווי וואויל קיינער אין באַלטעוו האָט מיט אים נישט גערעדט און ער האָט נישט גערעדט צו קיינעם. מאַריאַן סקיבאַ איז געהאַט אָפּגעזעסן אַכט יאָר אין קרימינאַל פאַר דערהרגענען די שיקסע זאָכאַ וואָס האָט געזאָלט ווערן זיין כלה און ער האָט זי געפּאַקט שמיבצן מיט אַ באַאַמטן פון מאַגיסטראַט. מאַריאַן איז געווען אַ פישער. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אומגעקערט פון דער לובלינער תפיסה, האָט ער זיך ווידער גענומען צו דעם פריערדיקן פאַך. אַרום באָלטעוו איז געווען אַן אָזערע מיט קאַרפּן, העכט, שלייען. זי האָט געהערט צו אַ פריץ און ער האָט פאַר אַן אָפּצאָל דערלויבט די פישערס צו כאַפּן ביי אים פיש. דאָנערשטאָג אַ גאַנצן טאָג און פרייטאָג ביז צוועלף איז מאַריאַן געשטאַנען אין מאַרק נעבן אַ באַליע לעבעדיקע פיש. מ׳האָט זיך נישט געקאָנט מיט אים דינגען, ווייל מאַריאַן האָט כמעט אויפגעהערט צו רעדן. ער האָט אַ ברום־געטאָן אַ פרייז און מער האָט מען ביי אים נישט געקאָנט אַרויסקריגן קיין וואָרט. ער האָט געבאָטן אַ ביסל ווייניקער פון די אַנדערע און ס׳רוב האָט ער פאַרקויפט זיין סחורה. טיילמאָל ווען ס׳איז געווען מער פיש וויפל קונים, האָבן די אַנדערע אָפּגעלאָזט פון מקח. אָבער נישט מאַריאַן. מ׳האָט געזאָגט אַז ער לאָזט אַריין די געבליבענע פיש צוריק אין וואַסער אַריין. ער האָט געהאַט געירשנט אַ הייזל נישט ווייט פון קאַטוילישן צמענטאַר און דאָרט האָט ער געוואוינט אַליין. ער האָט עס אַרומגעבויט מיט אַ צוים אַזוי אַז די שניידער־געזעלן און די שוסטער־יונגען וואָס גייען שבת נאָכן טשאָלנט שפּאַצירן אין וואַלד אַריין מיט די דינסטן און נייטאָרינס, זאָלן נישט קאָנען לוגן צו אים אין די פענצטער. ער האָט געהאַלטן ביי זיך הינט, קעץ, אַ פּאַפּוגיי. ער האָט געלאָזט אַרומשווימען גאָלדענע פישלעך אין אַ גלעזערן געפעס. אויף דער וואַנט האָט געהאָנגען אַ יעגער־ביקס, אַ שווערד, אַ פּיסטויל און אַן אויסגעשטאָפּטער קאָפּ פון אַ ווילד חזיר.

מאַריאַן סקיבאַ — קליינוואוקסיק, ברייטביייניק — האָט געהאַט אַ פירעקיקן קאָפּ וואָס איז געזעסן אויף די אַקסלען כמעט אָן אַ האַלדז. די פלאַקסן־בלאָנדע האָר וואָס זענען אים געוואָקסן ביז אַ האַלבן שטערן האָט ער פאַרשוירן אין אַ בערשטל. ער האָט געהאַט אַ רויט פּנים, אַ פאַרריסענע נאָז מיט פאַרשאַרצטע נאָזלעכער און אַ פּאָר רונדע געלע אויגן אָן ברעמען ווי ביי אַ מאָפּס. ווען מאַריאַן האָט זיך אומגעקערט פון תפיסה האָט דער גלח נאָך אים געשיקט, אים געוואָלט דערנענטערן צו דער קירך, ציטירט פון דער ביבל אַז גאָט דער דערבאַרעמדיקער האָט רחמנות אויף די קנעכט זיינע וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט, נאָר מאַריאַן האָט געזאָגט דעם גלח:

— ס׳איז נישטאָ קיין גאָט.

און מער האָט ער נישט געוואָלט מיט אים איינטענהן.

די גויאישע שדכנטע טעקלאַ קאַלופּעק, אַן אַלמנה, האָט געפּרואווט צושאַנצן מאַריאַנען אַ שידוך מיט אַ דאָרפישער מויד, אַ קיילעכיקער יתומה. מאַריאַן האָט אויסגעהערט די שדכנטע, אַפילו נישט קיין פינטל געטאָן מיט אַן אויג. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

—כ׳וויל נישט חתונה האָבן.

— אַ מאַנסביל דאַרף אַ ווייב.

— כ׳בין נישט קיין מאַנסביל.

— וואָס ביזטו?

— אַ מערדער.

פון דעמאָלט אָן האָבן אַלע פון אים געווייכט. ער אַליין האָט אַלעמען אויסגעמיטן. ער האָט אַפילו נישט געוואָלט האָבן קיין עסקים מיט די אַנדערע פישערס. אויב זיי האָבן פאַרשפּרייט די נעצן ביי איין ברעג,

---

* געווינער פון דער ה. לייוויק־פּרעמיע פאַרן יאָר 1971.

---

סכנה האָט איר מקור נישט אין אונדז אַליין, נאָר זי ווערט אונדז אָנגעוואָרפן דורך אונדזערע שונאים.

ביי אַזעלכע אומשטענדן איז פאַר ישראל נישט מעגלעך אָנצוואוענדן דעם אמתדיקן מידת־הרחמים צום פּראָבלעם פון די אויסגעוואָרצלטע פאַלעסטינער אַראַבער. בפרט קען זיך ישראל נישט דערלויבן אַריינצולאָזן זיי אין לאַנד, וואו זייער אָנוועזנקייט וואָלט דירעקט באַדראָט דעם קיום פון דער מדינה און פונעם פאָלק.

בעת מיר האַלטן אין פאַרענדיקן די דאָזיקע אַרבעט הייבן זיך אָן צו פאַרציען וואָלקנס אויפן ישראלדיקן הימל. די עגיפּטער רעדן שוין ווידער וועגן מבטל מאַכן דעם וואָפנשטילשטאַנד און באַנייען די מלחמה. איז עס בלויז רעטאָריק, אָדער זיינען עס ממשותדיקע צוגרייטונגען צו אַ נייער מלחמה? אַזוי צי אַזוי, דער אויספיר איז דער זעלבער: די גאַנצע פירונג פון די עגיפּטער ווייזט בפירוש, אַז זיי מיינען נישט קיין שלום. זיי מיינען בלויז דאָס אַרויסשטויסן די ישראל־כוחות פון די פאַרנומענע געביטן פאַר אַ ביליקן פּרייז. אויב ישראל זאָל אויף דעם איינגיין, וואָלט דאָס פאַר איר באַדייט נישט שלום נאָר קאַפּיטולאַציע. אויב די עגיפּטער מיינען טאַקע נישט מער ווי אַרויסצושטויסן די ישראלים פון זייערע פּאָזיציעס אין סיני, זאָלן זיי פּרוּוון דאָס צו טאָן מיט נאָרמאַלע מיטלען און זאָלן זיי דערפאַר צאָלן דעם פולן פּרייז.

און אויב ס׳איז טאַקע אמת די מעשה פון זייער שטרעבונג צו שלום, טאָ זאָלן זיי אויפהערן דאָס קינדערשפּיל אין באַהעלטענישן און אין ברוגז. ווי דערוואַקסענע מענטשן מוזן זיי קומען צום פאַרהאַנדלונגסטיש, אָנהייבן צו רעדן ממשותדיקע דיבורים, און אויף אַ רעאַליסטישן אופן נעמען פאַרהאַנדלען די באַדינגונגען פון שלום. ס׳איז נישט שייך זיך צו נאַרן: אָן אַזעלכע פאַרהאַנדלונגען וועט שלום קיין מאָל נישט ווערן דערגרייכט.

איז ער אַוועק צום אַנדערן ברעג. מ׳האָט אָנגעהויבן שמועסן אַז ער לעבט מיט אַ שדיכע. די ייִנגלעך וואָס פלעגן אַמאָל זיך אַריבערכאַפּן איבער מאַריאַנס פּלויט און וואַרפן אַ בליק אין פענצטער, האָבן אים אַלעמאָל געזען זיצן אויף אַ קלעצל און פאַרריכטן אַ נעץ. ער האָט, ווייזט אויס, געגעסן בלויז פיש, ווייל ער איז קיינמאָל נישט געקומען אין אַ קראָם קויפן שפייז. ער האָט געלערנט די הינט זיינע זיך שפּילן מיט די קעץ. ער האָט טרענירט די קעץ נישט צו לויערן אויף די פייגל. פּאַוועל דימניאַק, דער פּאָסט־טרעגער, וואָס האָט אַמאָל געבראַכט מאַריאַנען אַ בריוו פון דער תפיסה וואו ער איז געזעסן, האָט געשוואוירן אַז ער האָט געזען ביי מאַריאַנען אַ הונט אַרומגיין מיט אַ קאַץ אויפן רוקן און אויף דעם שיידל פון דער קאַץ איז געשטאַנען אַ געל פייגעלע. די שטאָט האָט דערפון אַרויסגעדרונגען אַז מאַריאַן איז אַ כישוף־מאַכער.

אין אמתן האָט מאַריאַן סקיבאַ זיך געהאַט אויסגעלערנט צוימען חיה׳ס ביי אַ בערן־טרייבער וואָס מיט אים איז ער געזעסן אין איין קאַמער. געהייסן האָט ער סטאַך. סטאַך האָט געהאַט דערהרגעט אַ שייגעץ ווייל יענער האָט ביי אים אַרויסגעגנבעט פון קעשענע אַ קופּערנעם זעקסער. סטאַך האָט געקאָנט לייגן קאָרטן ווי אַ ציגיינער. ער האָט געהאַט אויסגעלערנט רעדן אַ קראָ וואָס איז אַריינגעפלויגן דורך די קראַטעס אין דער צעל. סטאַך האָט זיך באַרימט אַז ער קאָן לייענען געדאַנקען און אַז ער קאָן געבן חיה׳ס באַפעלן דורכן טראַכטן דערפון וואָס ער האָט באַגערט זיי זאָלן טאָן. סטאַך האָט דערציילט מאַריאַנען אַז ער וועקט זיך איבער אין מיטן דער נאַכט און אַ טייל פון אים, אַ גייסט, שיידט זיך אָפּ פון קערפּער. ער, דער צווייטער סטאַך, זעט ליגן דעם ערשטן אין אוממאַכט אויף דער נאַרע. דער דוך, אָדער וואָס ער זאָל נישט זיין, פליט אַרויס פון תפיסה, שוועבט איבער די לובלינער געסלעך, און אַפילו איבער טייכן, פעלדער און וועלדער וויט פון דער שטאָט. סטאַך האָט געהאַט איבערגעלאָזט אַ געליבטע. קאַראָלאַ, אַ קונצנמאַכערין וואָס האָט געגעסן פייער, געשלונגען מעסערס, געקוילערט אַ פּעסל אויף די זוילן, און זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ קלאָץ אָנגעשמירט מיט זייף ער זאָל זיין גליטשיק און ס׳זאָל זיין שווער אויף אים צו קלעטערן. סטאַך האָט אויף זיינע נאַכט־וואַנדערונגען זיך געטראָפן מיט קאַראָלאַן און זיך מיט איר געפּאָרט.

איצט, אויף דער פריי, האָט מאַריאַן סקיבאַ אויסגעפּרוּווט די זאַכן וואָס סטאַך האָט אים געלערנט. ס׳איז אים קיינמאָל נישט געראָטן צו פליען אין די נעכט — סיידן אין חלום — אָבער מאַריאַן האָט באַוויזן וואונדער מיט באַשעפענישן. ער האָט אין געדאַנק געהייסן בורעקן, דעם הונט, בילן דריי מאָל און דער כלב האָט געטאָן וואָס מאַריאַן האָט אים באַפוילן. ער האָט געטראַכט אַז ליזאַטשקאַ, די קאַץ, זאָל אַ לעק טאָן דעם הונט ביים אויער, און זי האָט אַזוי געטאָן. איינמאָל איז געקומען קיין באַלטעוו אַ וואַנדערנדיקער צירק און מאַריאַן האָט בייגעוואוינט אַלע פאָרשטעלונגען. ביי איינעם פון די פאָרשטעלערס האָט מאַריאַן געהאַט אָפּגעקויפט צוויי פייגעלעך, אַ פּאָרל, וואָס האָבן געהערט צום מין פּאַפּוגיי, אָבער זיי זענען געווען נישט גרעסער פון שפּערלינגס. דעם „ער״ האָט מאַריאַן אַ נאָמען געטאָן סטאַך און די „זי״ — קאַראָלאַ. דער „ער״ האָט גערעדט און מאַריאַן האָט אים אויסגעלערנט נייע ווערטער און אַפילו דעם אָנהויב פון אַ לידל. ער האָט געמאַכט פאַר די מאַן און ווייב אַ נעסט, זי אויסגעבעט מיט היי און בלעטער און קאַראָלאַ האָט גלייך אָנגעהויבן לייגן אייערלעך און אויף זיי זיצן. מאַריאַן האָט פון דראָט אויסגעפלאָכטן אַ ריזיקע שטייג פאַר דער וואַקסנדיקער משפחה.

קאַראָלאַ האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין נייגונג צו לערנען. אָבער סטאַך האָט אַלץ גיך אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך אויך מער צוגעבונדן צו מאַריאַנען ווי זיין ווייב. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי מאַריאַנען אויפן קאָפּ, געפּלאַפּלט, געצוויטשערט, אים געצויגן ביים לעפּל פון אויער, אים איינגערוימט קיצלדיקע סודות. ווען מאַריאַן האָט פאַרריכט אַ נעץ האָט סטאַך זיך ביי אים אַוועקגעשטעלט אויף דעם ווייזפינגער פון דער רעכטער האַנט און מעשה אַקראָבאַט מיטגעמאַכט אַלע באַוועגונגען פון דעם פינגער. מאַריאַן האָט געהאַט אַזוי־פיל צוטרוי צו דעם פייגעלע אַז זומערצייט ווען ער האָט פאַרקויפט פיש אין מאַרק, איז סטאַך געשטאַנען ביי אים אויפן אַקסל און איז קיינמאָל נישט אַוועקגעפלויגן.

## 2

סטאַך האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן מער ליבשאַפט צו מאַריאַנען ווי צו זיינע ווייבער. ער האָט געפּאַכטן מיט זיי און מיט די אַנדערע זכרים, זיינע זין און אייניקלעך. דער פויגל איז געוואָרן אייפערזיכטיקער פון טאָג צו טאָג. ווי קליין ער איז, האָט ער פאַרפירט אַ מלחמה מיט דעם גרויסן אַלטן פּאַפּוגיי. סטאַך האָט נישט געליטן ווען מאַריאַן האָט געגלעט די קאַץ אָדער געצערטלט דעם הונט. ער פלעגט דאַמאָלט נעמען קוויטשען מיט אַ סקריפּענדיקער שטים וואָס ס׳איז שווער געווען צו גלויבן אַז זי קומט אַרויס פון דער קעל פון אַזאַ פּיצעלע באַשעפענישל. ווי מאָדנע, נאָר די אַנדערע פייגל און אַפילו די קאַץ און די הינט האָבן עפּעס ווי זיך דערשראָקן פאַר סטאַכן און זיינע גריליציקע וואָרענישן. טיילמאָל ווען סטאַך איז זיך פאַרגאַנגען אין די הויכע טענער, איז דער פּאַפּוגיי אַריין צו זיך אין דער שטייג, אָנגענויגט דעם קאָפּ מיט דעם קרומען שנאָבל אָן אַ זייט, און ס׳האָט זיך געדוכט אַז דאָס גאָלדענע אויג זיינס פרעגט: וואָס איז דער מער מיט אים? וואָס ליאַרעמט ער? די קאַץ איז אַרונטער אונטערן בעט. די הינט האָבן אַראָפּגעלאָזט די ווידלען און זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל. אַז עפּעס איז סטאַכן נישט געפעלן האָט ער גענומען פליען אַהין און צוריק מיט אַ ווילדן אימפּעט, זיך אָנשלאָגן אָן די ווענט, פּוטרינעס פון די פענצטער, זידלען אויף אַ פויגלש לשון. ער האָט אַפילו געפּרוּווט בייסן די אַנדערע בעלי־חיים. איינמאָל ביינאַכט, ווען מאַריאַן האָט זיך איבערגעוועקט און מער נישט געקאָנט איינשלאָפן, איז אים איינגעפאַלן אַן אויסטערלישער געדאַנק: אַז די נשמה פון זיין כלה זאָכאַ איז אַריין אין סטאַכן. מאַריאַן האָט אין די אַלע יאָרן נישט פאַרגעסן זאָכאַן, די ליבשאַפט וואָס זי האָט אים אַרויסגעוויזן די ערשטע צייט, אירע באַהאַרצטע רייד, און דעם ווײַ־געהויל וואָס ס׳האָט זיך פון איר אַרויסגעריסן ווען ער האָט מיט אַ האַק אין דער האַנט אויפגעריסן די טיר פון דער האָלץ־קאַמער און זי געכאַפּט ליגן מיט דעם קאַצאַפּישן פאַרפירער. מאַריאַנען האָט זיך אָנגעהויבן

אויסדוכטן אַז ער הערט זאַכאַס קול אין סטאַכן. די ליבשאַפט פון דעם דאָזיקן פויגל צו אים איז נישט קיין נאַטירלעכע. זאַכאַ האָט געהאַט אים, מאַריאַנען, פאַרגעבן די רציחה און זיך אומגעקערט צו אים פון יענער־וועלט . . .

מאַריאַן האָט איצט טיילמאָל גערופן דעם פויגל — זאַכאַ. געוויינלעך האָט געדויערט לאַנג ביז דער פויגל האָט זיך אויסגעלערנט אַ ניי וואָרט. אָבער דאָסמאָל ווי נאָר מאַריאַן האָט אַרויסגעבראַכט דאָס וואָרט זאַכאַ, האָט דער פויגל עס גלייך איבערגעחזרט קלאָר און דייטלעך.

ווייזט אויס אַז די זאַכאַ וואָס איז געזעסן אין סטאַכן האָט ביי זיך אָפּגעפּאַסט צו פאַרטיליקן אַלע קאָנקורענטן. בורעק דער הונט איז געפּגרט פאַר דער צייט. ער האָט אויפגעהערט עסן. ער האָט אָנגעהויבן בייסן דעם אייגענעם באַלעבאָס. ער האָט געהאַט פאַרפירט אַ שטרייט מיט אַ יאָזש און איז געקומען אַהיים מיט אַ מאָרדע פול מיט שפּיזלען. מאַריאַן האָט געוואָלט פון אים די שפּיזלען אַרויסציען, נאָר דער כלב האָט זיך קעגנגעשטעלט, זיך פאַרגאַנגען אין אַן אומהיימלעך געיאָמער. ער האָט געטאָן אַ לעצטן ביל און איז אַוועקגעפאַלן טויט. צומאָרגנס איז דער אַנדערער הונט אַרויס דורך דער פורטקע און איז פאַרשוואונדן. מאַריאַן האָט אים אַרומגעזוכט טעג, אָבער ס׳איז נישט פאַרבליבן פון אים קיין שפּור. אין איינעם אַ טאָג האָט ליזאַטשקאַ די קאַץ זיך אַוועקגעזעצט אויפן פענצטער צווישן די בלומען־טעפּ, זיך צונויפגעקנוילט, און ווען מאַריאַן האָט זי שפּעטער גערופן עסן, האָט זי נישט געענטפערט. די קאַץ איז געהאַט אויסגעגאַנגען. מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז געשטאָרבן דער פּאַפּוגיי. אין איינעם אַ פרייטאָג פאַרטאָג האָט מאַריאַן געהערט געשרייען פון דער שטייג וואו סטאַך מיט זייע קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך זענען געשלאָפן ביינאַכט — די שטייג איבערגעדעקט מיט אַ שאַל וואָס איז מאַריאַנען געבליבן בירושה פון זאַכאַן. מאַריאַן האָט זיך געוואונדערט. פייגל האַלטן זיך געוויינלעך שטיל ווי לאַנג ס׳איז פינצטער. ער האָט געוואָלט זיך אויפהויבן און טאָן אַ קוק וואָס ס׳איז פאַרלאָפן, אָבער ער איז געווען אַזוי מיד פון נעכטיקן פיש־פאַרקויף, אַז דער קאָפּ איז אים אַוועקגעפאַלן אויפן קישן ווי אַ שטיין. ווען ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן און מאַריאַן האָט זיך איבערגעוועקט, איז אים אויפגעפאַלן אַז ס׳איז צו שטיל אין דער שטייג. ער איז אַראָפּ פון געלעגער. אַלע פייגל אין דער שטייג זענען געלעגן טויט. אויף אַ שטענגל איז געשטאַנען סטאַך און אַראָפּגעקוקט צו די פּגרים. ער האָט געהאַט אַ פאַרבלוטיקטן שנאָבל. די שטייג איז געווען פול מיט פעדערן און פּוך. סטאַך האָט געהאַט דערהרגעט זיין געזינדל. ס׳איז זאַכאַס נקמה, האָט מאַריאַן געמורמלט. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— מערדער!

און דער פויגל איז אַרויס פון דער שטייג, גענומען פליען ווילד, שרייען מיט אַ מענטשלעך קול, זיך אָנקלאַפּן אָן די שויבן, פאַכן, באַלקנס. אין דעם צעיאַכמערטן געפלאַטער האָט ער זיך געהאַט אויסגעלענקט אַ פליגל. מאַריאַן האָט אים שפּעטער געפּרוּווט צוריק אַריינזעצן אין גליד, אָבער דער פויגל איז געבליבן אַ קריפּל.

פון דאַמאָלס אָן האָט מאַריאַן מער נישט אַריינגענומען קיין שום באַשעפעניש אין שטוב. מאַריאַן האָט געהאַט פאַרשפּאַרט דעם פויגל אין דער שטייג און ער איז דאָרט געבליבן זיצן אַכט וואָכן, קעגן די אַכט יאָר געפענגעניש וואָס מאַריאַן איז אָפּגעזעסן פאַר זיין מאָרד. מאַריאַן האָט שפּעטער דעם פויגלשן רוצח אַרויסגעלאָזט צוריק אויף דער פריי, אָבער ער איז מער נישט געווען דער אייגענער. ער איז געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג אויף דעם דאַך פון דער שטייג מיט אַ נאָכהענגענדיקן פליגל, אַ געבויגן קעפּל און מ׳האָט נישט געהערט פון אים קיין פּיפּס. מאַריאַן האָט גערעדט צו אים, אָבער ער האָט נישט געענטפערט. מאַריאַן האָט אויסגעשטרעקט צו אים אַ פינגער, נאָר ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. מאַריאַן האָט אים מער נישט געזען עסן, טרינקען, פּוצן די פעדערן. ס׳האָט זיך געדוכט אַז דער פויגל טראַכט טאָג און נאַכט געדאַנקען וואָס זויגן אויס דאָס חיות.

מאַריאַן אַליין האָט זיך אויך פאַרענדערט. ביז דאַמאָלס האָט מען קיינמאָל נישט געהערט אַז ער זאָל שיכורן. איצט האָט ער געקויפט אין שענק שפּירט וואָס ער האָט גענומען אַהיים און געטרונקען. די פישערס האָבן געלאַכט אויס אים, דערציילט אַז ער פּרוּווט כאַפּן פיש מיט געלעכערטע נעצן. טוביה דער נאַכט־וועכטער האָט געזען מאַריאַנען גיין אין מיטן דער נאַכט מיט אַ וואַקלדיק גייעניש און אים געהערט רעדן צו זיך אַליין. מאַריאַן איז געהאַט געקומען צום שטאָטישן לערער, ליפּע פּעווזנער, אַז ער זאָל פאַר אים שרייבן בריוו צו דעם נאַטשאַלניק פון דער לובלינער תפיסה, אָנפרעגן צי סטאַך, דער מערדער, זיצט נאָך דאָרט, און אויב ער איז אַרויס, וואו געפינט ער זיך. אין מיטן דיקטירן דעם בריוו האָט מאַריאַן געטאָן אַ שפּיי און איז אַוועק.

אין איינעם אַ דאָנערשטאָג האָט מאַריאַן זיך נישט געוויזן אין מאַרק. איינער פון די פישערס איז אַוועק אַ קוק טאָן וואָס ס׳איז געשען מיט אים. די לאָדן אין דעם הייזל זענען געווען פאַרשפּאַרט. דער פישער האָט אָנגעקלאַפּט, נאָר קיינער האָט נישט געענטפערט. ער האָט אויפגעבראָכן די טיר און געפונען מאַריאַנען הענגען אויף אַ האַקן אין באַלקן. ביי די פיס איז געלעגן אָן איבערגעקערט בענקעלע. אויפן קאָפּ, איינגעקלאַמערט אין מאַריאַנס האָר, איז געשטאַנען סטאַך, דער פויגל, — אַ טויטער.

„די צוקונפט"
באַגריסט
דעם פריינד פון דער יידישער קולטור
תנחום ברייס
(פון לאָס־אַנדזשעלעס)
צו זיין 85־טן געבוירנטאָג
און ווינטשט אים געזונטע יאָרן און הצלחה אין זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.